

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת ואתחנן תשפ"ה

גליון 428

## אמרות שמשון

### זיך נישט פארלאזן אויף די מעשים טובים

**עֲלֵה רֹאשׁ הַפִּסְגָּה וְשָׂא עֵינֶיךָ יָמָּה וְצָפֹנָה וְתֵימָנָה וּמִזְרָחָה וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ** (ג, כז). עס שטייט אין חז"ל (ברכות לב:) 'אמר רבי אלעזר, גדולה תפלה יותר ממעשים טובים, שאין לך גדול במעשים טובים יותר ממשה רבינו ע"ה, ואף על פי כן לא נענה אלא בתפילה'. 'דאווענען' איז גרעסער פון 'מעשים טובים', ווייל דאס וואס משה רבינו האט אויסגע'פועל'ט צו קענען זען ארץ ישראל פונדערווייטנ'ס, איז נאר געקומען צוליב זיין תפילה וואס ער האט געבעטן, און נישט צוליב זיינע מעשים טובים (רש"י שם ד"ה עלה).

**מען** קען ערקלערן פשט אין די ווערטער פון חז"ל אז זיי ווילן אונז לאזן הערן, אז אפילו עמיצער איז א צדיק גמור און פארמאגט אסאך מעשים טובים, פונדעסטוועגן זאל ער זיך נישט פארלאזן אז דער אויבערשטער וועט אים שוין געבן וואס ער דארף אפילו אנדעם וואס ער וועט דאווענען.

**ווייל** דאס איז נישט ריכטיג צוליב צוויי סיבות: **א**. עס קומט אויס אז דאס וואס ער דינט דעם אויבערשטן, איז כדי צו באקומען באצאלט דערויף, און מען דארף דינען דעם אויבערשטן 'שלא על מנת לקבל פרס' (אבות פ"א משנה ג'). **ב**. דער אויבערשטער באצאלט נישט שכר אויף די וועלט, און די שכר וואס מען באקומט אויף די מעשים טובים איז נאר אויף יענע וועלט.

**דעריבער** מוז מען דאווענען - אפילו אויב מען איז דער גרעסטער צדיק - כדי דער אויבערשטער זאל אים געבן און ערפילן זיין בקשה, און מען קען זיך נישט פארלאזן אויף די מעשים טובים וואס מען טוט. (ויקרא אות ה' ד"ה וי"ל)

### משה רבינו וויל זוכה זיין צו השראת השכינה אין ארץ ישראל

**וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר וגו'. אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה וְהַלְּבָנֹן** (ג, כג - כה). משה רבינו האט זיך איינגעבעטן ביים באשעפער ער זאל קענען אריינגיין אין ארץ ישראל. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו אזוי שטארק געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל? **דאס** איז פשוט אז משה רבינו האט נישט געוואלט אריינגיין כדי צו הנאה האבן פון די פירות אין ארץ ישראל. און אויב וועט מען זאגן אז ער האט געוואלט מקיים זיין אלע מצות וואס מען קען נאר מקיים זיין אין ארץ ישראל, אויף דעם שטייט שוין אין חז"ל (סוטה יד.) אז דער אויבערשטער האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט באקומען שכר כאילו ער האט עס מקיים געווען.

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (כתובות קי:), 'כל הדר בחוץ לארץ, דומה כמי שאין לו אלוה, וכל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוה', דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז געגליכן אזוי ווי ער האט נישט קיין באשעפער, און דער וואס וואוינט אין ארץ ישראל איז געגליכן צו איינער וואס האט א באשעפער.



זרע שמשון
חדש! חדש!
ספר זרע שמשון יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים
תורמים ורואים ישועות אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו אצל גדולי הדור שליט"א בשעת לימודם בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות. אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

**דאס** הייסט, אז עס איז פארהאן א באזונדערע דרגה אין השראת השכינה וואס מען איז זוכה ווען מען וואוינט אין ארץ ישראל. דעריבער האט משה רבינו, אזוי שטארק געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל צו זוכה זיין צו די גרויסע מדריגה פון השראת השכינה.

**טראץ** וואס משה רבינו האט זוכה געווען ארויפצוגיין אין הימל, און געניסן פון א מורא'דיגע נאנטקייט - כביכול - צום אויבערשטן, אזוי ווי דער פסוק רופט אים אן (דברים לג, א) **מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹקִים**. פונדעסטוועגן האט ער געוואלט צוקומען צו די מדריגה פון השראת השכינה זייענדיג אין ארץ ישראל.

**ווייל** די גרויסע מדריגה וואס ער האט זוכה געווען ביז יעצט איז נאר געווען בזכות כלל ישראל, אבער די השראת השכינה אין ארץ ישראל איז מען זוכה אין די אייגענע זכות, דורך קדושת ארץ ישראל. (אות א' ד"ה צ"ע)

## הפטרת הפרשה

### מדת הדין וועט ווערן איבערגעקערט צו רחמים

**נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹהֵיכֶם** וגו' (ישעיהו מ, א - ב. הפטרת הפרשה). מען קען ערקלערן פשט אין די דאפלטע לשון **נַחֲמוּ נַחֲמוּ**, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'קול בוכים' (על מגילת איכה, מהרה"ק רבי אברהם גאלנטי זצ"ל) אויפן פסוק (איכה ה, א) **הַבִּיטָה וּרְאֵה אֶת חֶרְפָּתֵנוּ**, אז די שווערקייט פון כלל ישראל איז געווען אזוי גרויס, אז נישט נאר וואס די 'מדת הדין' איז נישט נתהפך געווארן צו 'רחמים', נאר אפילו די 'מדת רחמים' איז געווארן איבערגעקערט צו 'מדת דין', (עיי"ש).

**לויט** דעם קען מען ערקלערן פשט אינעם דאפלטן לשון, אז צוערשט וועט דער אויבערשטער מנחם זיין כלל ישראל, אז עס ווערט ווערן צוריק געקערט די מדת הרחמים (און וועט מער נישט נתהפך ווערן צו דין), און עס וועט קומען נאך א נחמה, אז אפילו די מדת הדין וועט אויך נתהפך ווערן צו רחמים. (מסעי אות ט' ד"ה א"נ)

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
אבי מורי הרה"ח
רבי שלמה בן הרה"ח
רבי שבתי יהודה ז"ל
נלב"ע ערב ש"ק ט"ו מנחם אב תשמ"ה
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בתו
קריינדל ריסה בת רחל
לברכה והצלחה

לעילוי נשמת
מרת נעמי בת עביד
לעזיר דוד דלה ע"ה
נלב"ע ש"ק פרשת ואתחנן
ט"ז מנחם אב תשע"ח ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנה רפאל דוד
לברכה והצלחה

לעילוי נשמת
אברהם בן חנה
אניטה ז"ל
נלב"ע י"ט מנחם אב תש"ס ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש על ידי אחיו משה יאיש
לברכה והצלחה

רפואה שלימה
- רפאל בן לינדה
- מאגו מרגריטה בת רחל
- שרה בת רוזה
- מנואל בן רבקה
- שלמה בן יעל
- דורה בת אסתר
- מרגריטה בת רות
- אברהם מרדכי בן שיינדל
- לאה בת שרה בילא

שישלח ה' להם רפואה שלימה
והחלמה מהירה בכל גופם
ויהיה להם אריכות ימים
ושנים טובות ומתוקות לשמחתם
ולשמחת כל משפחתם

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו לראות
פריצת דרך ברכה ושפע רב בקרוב ממש
מתוך מנוחת הגוף והנפש

זיווג הגון
ברכה מרים בת חולדה
לזיווג הגון בקרוב ממש
מתוך אושר ושמחה ובניקל

שפע וברכה
חיים דוד בן עטיא
וזוגתו
צביה רחל בת רבקה
שיזכו לשפע ברכה והצלחה
גדולה בכל מכל כל
עד בלי די פרנסה בשפע
מתוך הרחבת הדעת וימלא ה'
כל משאלות לבם לטובה

עושר וברכה
יצחק בן רחל
וזוגתו
רינה בת לינדה
לאושר ועושר שפע ברכה והצלחה גדולה
בכל העניינים

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה
בכל עושר ואושר בקרוב

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד
ובשורות טובות בקרוב ממש

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# הכנות צום גרויסארטיגן יומא דהילולא קדישא פון רבינו הזרע שמשון זי"ע

## אין פולן שוואונג

**מיט** גרויס התרגשות דערנענטערט מען זיך שוין צום גרויסן יומא דהילולא קדישא פון רבינו ה'זרע שמשון' זי"ע, ווען טויזנטע אידן איבער די וועלט וועלן בס"ד פראווענען דעם גרויסן יארצייט וואס פאלט אויס ו' אלול הבעל"ט.

**ווי** באקאנט האט דער הייליגער זרע שמשון זי"ע נישט זוכה געווען איבערצולאזן זרע של קיימא, אזוי ווי רבינו שילדערט אין די הקדמה פונעם ספר, אז נאכדעם וואס זיין איינציגסטע זון איז נעבעך נפטר געווארן בחייו, האט ער זיך מקבל געווען צו דרוקן זיינע ספרים 'זרע שמשון' און 'תולדות שמשון', זאגנדיג אז דאס וועט זיין זיינע קינדער און געדענקעניש אויף די וועלט בפרט נאך זיין פטירה.

**א** יאר איידער די הייליגע הסתלקות איז דער ספר 'זרע שמשון' אריין צום דרוק, און איז פארשפרייט געווארן צוזאמען מיט די הייליגע זעלטענע צוואה און בקשה אין די הקדמה פונעם ספר.

**אינעם** טאג ו' אלול שנת תקל"ט לפ"ק איז רבינו נסתלק געווארן לגנזי מרומים, און איז באגלייט געווארן מיט גרויס כבוד למנוחת עולמים אין זיין וואוין ארט אין איטאליע. אזוי אויך איז אפגעראכטן געווארן ימי אבילות אין פילע שטעט איבער איטאליע ווי רבינו האט מרביץ תורה געווען דורכאויס די יארן.

**ווען** די יארן זענען פארביי געלאפן, זענען די ארטיגע שטעט אין איטאליע געווארן אויסגעליידיגט פון די אידישע קהילות, דאס ארטיגע רייכע אידישע היסטאריע איז ווי כמעט פארגעסן געווארן, צוזאמען מיט דעם איז אויך כמעט פארגעסן געווארן דער הייליגער ספר זרע שמשון.

**'האיגוד** העולמי להפצת תורת זרע שמשון' איז געגרינדעט געווארן מיטן ציל צו אויפפרישן און פארשפרייטן איבער די גאנצע וועלט, די ספרים פון רבינו הזרע שמשון צוזאמען מיט די הייליגע צוואה און בקשה, וואס רבינו זי"ע - וועלנדיג ממשיך זיין רוחניות'דיגע המשכת הדורות - האט געגעבן, און אריינגעלייגט זיין גרויסע כח אין זיינע ספרים מיט די גרויסע און זעלטענע הבטחה.

**איבערהויפט** ווען עס קומט צום הייליגן יארצייט, ווערט אפגעראכטן די גרויסארטיגן צענטראלע סעודת ההילולא אין עיה"ק ירושלים תובב"א מיט די באטייליגונג פון קרוב צו טויזנט משתתפים פון אלע שיכטן און קרייזן אין שפיץ פון ראשי וגדולי הדור שליט"א, צו קענען צוזאמען עוסק זיין אין די ספרים פונעם צדיק לשמו ולזכרו, און מעורר זיין די הייליגע כח און שפע אויף די וועלט.

**אזוי** אויך קומט פאר נאך פארשידענע מעמדים און סדרי הלימוד, ווי מען וועט בס"ד לערנען און ענדיגן די ספרים פונעם זרע שמשון אינעם טאג פונעם יארצייט, און נאך פארשידענע שיעורים איבער די וועלט.

**היי** יאר, ווען די יארצייט פאלט אויס אום שבת קודש פרשת שופטים, וועט די גרויסע צענטראלע סעודת הילולא פארקומען ליל שישי אור לה' אלול, און די מעמד 'שפתותיו דובבות' וועט פארקומען שב"ק בעצם יומא דהילולא קדישא, ווי הונדערטע אידן וועלן צוזאמען לערנען די ספרים 'זרע שמשון' און 'תולדות שמשון' פון אנהייב ביזן סוף.

**שטייענדיג** אין די טעג, ווען עס עפנט זיך די השפעות לקראת די יארצייט, איז א געוואלדיגע געלעגנהייט זיך איינצוקויפן די געוואלדיגע זכותים און זוכה זיין צו די הבטחה פונעם מחבר זי"ע, און אויפגעראכטן מיט ישועות אין אלע ענינים. דורכן נעמען אטייל אין די גרויסע מעמדים ווי מען איז מקיים די בקשה און צוואה אויף די העכסטע פארנעם.

**די** נעמען פון אלע משתתפים וועלן דערמאנט ווערן ביי די סעודת הילולא און מעמד הלימוד, דורך די חשוב'ע לומדים און תלמידי חכמים שליט"א. אזוי אויך וועלן די נעמען דערמאנט ווערן ביי די רבנים הגאונים שליט"א וואס זענען עוסק במשך די גאנצע בלימוד תורת הזרע שמשון, **ראש הישיבה הגאון הגדול רבי משה צדקה שליט"א, הגאון הגדול רבי נפתלי נוסבוים שליט"א, הגאון הגדול מרדכי שמואל אדלשטיין שליט"א.**

**דער** זכות פון רבינו וועט זיכערביישטיין פאר אלע משתתפים און תומכים וואס העלפן ארויס צו מקיים זיין די בקשה, אזוי ווי רבינו האט געשריבן און צוגעזאגט: '**וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה בָּנִים בְּנֵי בָנִים כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחַנְכֶם חֲכָמִים וּנְבוֹנִים וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב גַּם עֹשֶׁר גַּם כָּבוֹד לֹא יָסוּפוּ מִזַּרְעֲכֶם, חַיֵּי אֲרִיכֵי בְּנֵי בְּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי טְפֵי לְגוֹמְלֵי חֲסָדִים טוֹבִים**'.

### ממראות מעמד ההילולא תשפ"ד








## נעמט א חלק און זייט זוכה צו גרויסע ישועות!

/https://www.zerashimshon.co.il/donation 347-496-5657 ארה"ב 05271-66450 • 02-80-80-500

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**